אָבֿער, בּרידער, אויבֿ איך דרשן נאָך די מילה,
פֿאַרוואָס ווער איך נאָך אַלץ גערודפֿט? דאַן האָט דאָך
12 דאָס מכשול פֿון דעם בּוים (שמואל יזה"ט) אויפֿגעהערט! הלוואַי
זאָלן די, וואָס פֿאַרפֿירן אייך, זיך (אינגאַנצן) מסרס
זיין.
13 וואָרום איר, בּרידער, זענט גערופֿן געוואָרן צו
פֿרייהייט; בּלויז די פֿרייהייט זאָל נישט ווערן קיין
תירוץ פֿאַר דעם פֿלייש, נאָר דינט דורך ליבֿע
14 איינער דעם אַנדערן. וואָרום די גאַנצע תורה איז
דערפֿילט אין איין וואָרט, אין דעם: דו זאָלסט ליבֿ
15 האָבֿן דיין חבֿר ווי דיך אַליין. (ויקרא יט, יח.) אויבֿ אָבֿער
איר בּייסט און פֿרעסט זיך איינס דאָס אַנדערע, גיט
אַכטונג, איר זאָלט נישט פֿאַרצערט ווערן איינער
פֿונם אַנדערן.
16 איך זאָג אָבֿער: וואַנדלט אינם גייסט און דערפֿילט
17 נישט די תאוות פֿונם פֿלייש. וואָרום דאָס פֿלייש
גלוסט קעגן דעם גייסט, און דער גייסט קעגן דעם
פֿלייש; די דאָזיקע שטעלן זיך אַקעגן איינס דאָס
אַנדערע, כּדי איר זאָלט נישט טון וואָס איר ווילט.
18 אויבֿ אָבֿער איר ווערט געפֿירט פֿונם גייסט, זענט
19 איר נישט אונטער דער תורה. בּאַשיינפּערלעך,
(קלאָר) אָבֿער זענען די מעשים פֿון דעם פֿלייש,
וועלכע זענען זנות, טומאה, אויסגעלאַסנקייט,
20 עבֿודה זרה, כּישוף, שנאה, צאַנקעריי, אייפֿער־
21 זוכט, צאָרן, קריגעריי, מחלוקת, כּיתות, קנאה,
שכרות, פֿרעסעריי, און דאָס גלייכן; וואָס איך זאָג
אייך אָן פֿאָרויס, ווי איך האָבֿ אייך (שוין) פֿריער
געזאָגט, אַז די, וואָס טון די דאָזיקע זאַכן, וועלן
22 נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פֿון ג־ט. די פּירות
אָבֿער פֿון דעם גייסט זענען ליבֿע, שמחה, שלום,
23 סבֿלנות, פֿריינטלעכקייט, גוטסקייט, אמונה, ענווה,